בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' פ' מטות | י"ז תמוז | תשע"א

# באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר חיים שלמה פישער הי"ו – משב"ק.

נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געגעבן א דרשת פרידה פאר די תלמידי הישיבה ווי דער רבי שליט"א האט איבערגעלאזט פאר די בחורים א קשי' אין די סוגיא וואס מען לערנט אצינד אין די ישיבה.

~•~

מיטאג צייט האט דער רבי שליט"א פארלאזט קרית יואל אויפן וועג קיין בעטלעהעם – ניו העמפשיר, ווי דער רבי שליט"א וועט אי"ה וויילן אויף אפרוה ביז זונטאג פ' עקב הבעל"ט.

דער טעל. נומער צו רופן דעם הויז בחור איז 917-378-3387

~•~

## עצרת התעוררות אין בתי מדרשינו

אין בית מדרשינו הגדול אין בארא פארק איז מען זיך צוזאמענגעקומען פאר מנחה ווי עס האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' מאיר מיכאל גרינוואלד שליט"א פון ירושלים עיה"ק.

אין ביהמ"ד היכל יחיאל מיכל אין קרית ויואל משה מאנטיסעלאו האט הרה"ג ר' מאיר צוויבל שליט"א ר"מ בישיבתיה"ק אויפגטרעטן מיט א דרשת התעוררות אום 8:00 פארנאכטס.

אין בתי מדרשינו אין אנטווערפן און אין ירושלים עיה"ק איז מען זיך צוזאמענגעקומען היינט פארנאכטס פאר מנחה ווי מען האט צוגעהערט די פייערדיגע שלש סעודות תורה פון מרן רבינו שליט"א פון דעם פארגאנגענעם שב"ק העעל"ט.

~•~

## האדמו"ר מ'סאסוב שליט"א באזוכט ביי הגה"צ אבד"ק דקהלתינו לאנדאן שליט"א

פארגאנגענע וואך האט האדמו"ר מ'סאסוב שליט"א פון ארה"ק אפגעשטאטה א באזוך ביי הגה"צ אבד"ק דקהלתינו לאנדאן שליט"א, ווי דער רב שליט"א האט אים מכבד געווען קובע צו זיין א מזוזה אין זיין נייעם וואונונג.

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.